טוּן אותות און מופתים דורך דעם נאָמען פֿון דײַן

31 הײליקן קנעכט ישוע׃ און בעת זײ האָבן תּפֿילה־
געטון, האָט דאָס אָרט געציטערט, אין װעלכן זײ
זענען געװען פֿאַרזאַמלט; און אַלע זענען פֿול געװאָרן
מיט דעם רוח הקודש, און האָבן גערעדט דאָס
װאָרט פֿון ג־ט מיט אַ פּתחון־פּה׃

32 און בײַ דעם רוב מאמינים איז געװען אײן
האַרץ און אײן גײסט, און קײנער האָט נישט געזאָגט,
אַז עפּעס פֿון זײַן באַזיץ איז זײַן אײגנס; נאָר אַלץ

33 איז בײַ זײ געװען געמײנשאַפֿטלעך׃ און מיט
גרױס גבורה האָבן די שליחים אָפּגעגעבן דאָס
עדות־זאָגן פֿון דעם האַר ישועס אױפֿשטײן (תּחית
המתים); און גרױס חסד איז געװען אױף זײ אַלעמען׃

34 און עס איז נישט געװען קײן נױטלײדנדער צװישן
זײ, װײַל אַלע, װאָס האָבן פֿאַרמאָגט פֿעלדער אָדער
הײַזער, האָבן (די דאָזיקע) פֿאַרקױפֿט, און גע־

35 ברענגט די פּרײַזן פֿון די פֿאַרקױפֿטע זאַכן און
אַנידערגעלײגט בײַ די פֿיס פֿון די שליחים; און עס
איז צעטײלט געװאָרן צו יעדן אײנעם, לױט זײַנע
באַדערפֿענישן׃

36 און יוסף, װאָס האָט געקריגן פֿון די שליחים דעם
בײנאָמען בר נבא (דאָס הײסט, זון פֿון טרײסט),

37 אַ לוי, געבױרן אין ציפּערן, באַזיצנדיק אַ
פֿעלד, האָט עס פֿאַרקױפֿט, און געברענגט דאָס
געלט, און עס אַנידערגעלײגט בײַ די פֿיס פֿון די
שליחים׃